STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11408

A LIBE-REGN

Michael Felzenbaum

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיכאל פעלזענבאַום / אַ ליבע־רעגן

פראפעסאר דב - בער גורעליק

30/1/95

נומער 29

דאָס בוך " אַ ליבע- רעגן" דערשיינט
מיט דער הילף פון
י.ל. פרץ-פאַרלאַג

מיכאל פעלזענבאַום

אַ ליבע־רעגן

לידער

הוצאת י.ל. פרץ ישראל

תל־אביב תשנ״ד 1994

MICHAEL FELZENBAUM

A LIBE-REGN

poems

©
Copyright; I994 by
I.L.Peretz Pablishing House
I4, Brener Str. Tel - Aviv

Ilustrated by Rita Balmin

Printed in Israel I994



נאַטיורמאָרטן און וואַגאַבונדן

א

רעד צו מיר
און זאָג נביאות, —
גייט אַראָפ דײַן קנעכט פון זינען,
ווײַל די היימיש־פוילע שפינען
וואַכן הײַנט אויף מײַנע וויעס.

רעד צו מיר,
איך וויל נאָך הערן
ווי עס הילכט בײַ נאַכט דײַן שטימע,
ווי עס צאַפלט אין מײַן צימער
ס׳פײַערל פון דײַן געשטערן.

רעד צו מיר,
איך וויל נישט גלויבן
אַז דײַן קול וועט מיך דערשטיקן.
נאָר די שפינען רײַסן שטיקער
פון דײַן ליד, — פון מײַנע אויגן.

ב

ווינטער.
אַ ווינקל בײַ דעם פענצטער.
עס ליגט אַ מאַראַנץ אין אַ טעלער.
יעדן טאָג,
יעדן טאָג, יעדע וואָך
ווערט עס וואָס קלענער און געלער
דער העלער אָאַזיס פון ווילדע קאָלירן.
אַ שטאָך,
אַ שטאָך מיט די אויגן, —
עס רינט אינעם צימער אַרײַן
די זינלאָזע פרייד.
פרעג,
ניין, בעסער פרעג נישט אומזיסט
פאַר וואָס איז דער טויטער מאַראַנץ אַזוי זיס.

ג

רויטע לבנה
וואָס רופסטו מיך היינט אין דײַן בעט
אין די אומריינע טעג
ווען די וועלט
קײַקלט זיך גלײַך צום "אין סוף"
צי אפשר צום סוף

דער "עגאָ" צעשפּאַלט די פאַרשמאַלצענע הערצער

רויטע לבנה, ווי קען איך דעריאָגן די ליכט
ווען דו
רופסט מיך צו זיך אין דײַן בעט
אין די אומריינע טעג
פון דער וועלט!

ד

און ווידער אַ מאָל
דער רעגן
לאָזט מיך נישט צו רו.
מיט שיטערע און קאַלטע טראָפּנס רעגן
פאַל איך צו דער ערד, —

צעשטערטע הײַזער
און סטאַדעס הונגעריקע הינט,
וואָס האָבן אויפגעפרעסן
די אויסגעטראַכטע טרוימען
פון אַ גאַנצן דור.

אַ קעצעלע אַ ציטערדיקס
האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט
אין אַ לאַנגער באָרד
פון אַן אויסגעדאַרטן צדיק
און איז אַנטשלאָפן
געוואָרן
און האָט אַרײַנגעבראַכט
אַ מין געפיל פון היימישקײַט
אין די צעשטערטע הײַזער.

ה

אַ בענקל
אַ טיש
און אַ ביסעלע פאַרבן.
וואָס נאָך?
אפשר אַ בעט
פאַר די פריילעכע מיידלעך
וואָס איין מאָל אין פורים
לויפן אַרײַן אין מײַן תּפיסה —
אין מײַן אַטעליע —
און שעפּן,
און שעפּן די גלעטלעכע פאַרבן
פון נאַטיורמאָרטן.
מע שעפּט און מע נעמט,
נאָר ווינציקער,
ווינציקער ווערט עס נישט.
— מאַך אויף,
מאַך אויף דײַן נשמה,
סעזאַן.



וו

נאַכט,
עפן אויף דעם פּוטליאַר פון דײַן פידל
און שפּיל עפּעס וואָס
פאַר דער טרויריקער שטאָט.
גיב נאָר אַכט
דער פאַרוואָגלטער הונט
זאָל ניט שטערן מיט זײַן בילערײַ
דעם איידעלן פידלער.

סאַראַ וווּנדער און פּראַכט...

נאָר דער זויבערער ניגון
קלאַפּט זיך, אַן עקשן,
מיט קאָפּ אין דער וואַנט
פון דער ליידיקער שטײַג.
סוף־כּל־סוף
קריכט אַרײַן דער פאַרוואָגלטער הונט
אין דעם פידל.
און דאָס בייזע געהײַל
צעשטערט דעם געהיימן געבײַ
פון דער טרויריקער שטאָט.

ז

טאָג און נאַכט
גייט דאָ אַ רעגן.
— אפשר ביסטו מײַן פֿאַרמעגן?!...

טאָג ווי נאַכט
ביסטו מיר נייטיק.
— זאָג נישט אַז איך בין דײַן ווייטיק.

ס'טאָגט. די נאַכט
האַלט אין איין טענהן:
„איך בין דײַנע. דו ביסט מײַנער!"

בוקאַרעשט, 1992

אין אַ ווײַנגאָרטן

א

שלמה האָט פאַרגעסן צו וועלכער פון זײַנע ווײַבער
דאַרף ער גיין הײַנט בײַ נאַכט.
איז ער אַרויס פון זײַן פאַלאַץ
און געלאָזט זיך גיין סתּם אין מדבר אַרײַן.
ער איז איבערגעשפרונגען דעם שטאָט־מויער און איז אַרײַן
אין אַ ווײַנגאָרטן.
שולמית איז געזעסן לעבן איר שאַלאַשיקל
און אַ קליין פײַערל
האָט געציטערט לעבן אירע באָרוועסע פיס.
— שלום־עליכם, שלמה.
— עליכם־שלום, שולמית.

ב

מײַן קיסר און מײַן האַר,
כ׳האָב מורא פֿאַר דער שײַן —
איך בין אַ נאַכטרויז.

די נאַכט איז גרויס.

מײַן קיסר און מײַן האַר,
אַ מאָל האָב איך געהערט דײַן אויסדרוק,
אַז ס׳איז נישטאָ קיין נײַס אונטער דער זון.

עס קלעקן אויך די נײַס
וואָס ס׳ברענגט אונדז די לבנה.

מײַן קיסר און מײַן האַר,
כ׳האָב מורא פֿאַר דער נאַכט,
זי האָט זיך אָנגעוואָרפֿן
ווי אַ וואָלף
אויף מײַנע שוואַכע אַקסלען.

נאָר הער זיך צו,
בײַם ווײַטן ברונעם
לאָזט זיך הערן אַ לויבגעזאַנג דער שוואַרצער רויז
פֿון מײַנע נעכט אָן רעגן.

ג

וואָס זאָל עס זײַן?
אַ פסק־דין?
אַן אורטייל מן השמים?
צי אפשר גאָר יאָמערט דער הימלאָזער קין?
וואָס זאָל עס זײַן?
איך ווייס?...
איז מיר הייס.
FACE TO FACE.
אַ ליבע.
עס קלעקט נישט קיין גריבער
אויף צו מקבר זײַן די געפילן.
וואָס זאָל עס זײַן?
הער זיך אײַן —
מע האַלט שוין בײַ "נעילה"
און איך זאָג "על חטא שחטאנו..."
"על חטא..."
גלעט מיך, מײַן טײַערע,
גלעט.

ד

שלעפּ מיך אַרויס פֿונעם שטומען טאָגטעגלעכן תּהום.
וואַרף מיך אַרײַן אין אַ שטראָם
פֿון אומזיניקע ווערטער, —
ציינישע, הייסע, איבערגעקערטע,
אָבער — באַשערטע.

שוין דורות־לאַנג אַז איך האָב נישט געבעטן בײַ קיינעם,
נאָר בײַ די שטיינער
פֿון זינלאָזע ווערטער, —
הייסע, פֿאַרבאָטענע און נישט דערקלערטע,
אָבער — באַשערטע.

שווײַג נישט, שולמית, איך ווייס דאָך אַז דו ביסט מײַן גורל.
האָב זשע נישט מורא די זינלאָזע ווערטער, —
איבערגעקערטע און נישט דערקלערטע —
אין די
אויסגעחלומטע
ווײַטע ווײַנגערטנער.

ה

...כרמי שלי לא נטרתי

שיר השירים, א׳ו

אַ מערעזשקע נאָך אַ מערעזשקע...
זאָג, מײַן געליבטע,
וווּהין פירט די סטעזשקע?



וו

דער אייבערשטער האָט דאָ געוואַשן זײַנע פֿיס —
אין שווייס און שוים פֿון דעם פֿאַרשוואַרצטן ים.

דער אייבּיקײַט אַ לעבעדיקער גרוס —
דער טעם פֿון זאַלץ אויף דײַנע וויעס
און צוויי לבנות אויף די תּליות
פֿון דײַנע צאַפּלדיקע בריסט.

ז

די זון צעשפּאַלט די וואַסערן אויף צווייען
און יאָגט דעם ווינט און כוואַליעס
צו מײַנע פּיס, —
אַ כוואַליע נאָך אַ כוואַליע...

און אויפן סאַמעט פון דײַן לײַב
עס צאַפּלט און פאַרגייט זיך
אין אַ געשריי
די לעצטע כוואַליע פון דער שקיעה.

מיכאל פעלזענבאַום

אַ ליבע־רעגן

דער חודש שבט האָט אונדז געבראַכט
אַ ביסל רעגן, ליבע, בלאָטע.
און די פּאַסקודניצע הריזאָטע
שטייט ביַי דיַין פענצטער אויף דער וואַך.
אַ מיאוסע זאַך...
נאָר עס קען זיַין טאַקע
דו וועסט אַרויסגיין אין אַ רעגן
אויף אַ שפּאַציר
און דיר אַנטקעגן —
אַ נע־ונדניק —
הויל און נאַקעט,
מיט ליבע־רעגנס־בלאָטע זאַט.
כ׳זאָל אַזוי וויסן שוין פון צרות
וואָס פאַר אַ ניַיע שורע־מורעס
קען ברענגען נאָך דער חודש שבט.

שבט תשנ״ג

אַ ליבע־רעגן

ביַים כּותל מערבי פון דיַין ליבע
און ביַי דער מזרח־וואַנט פון מיַינע טרוימען
איך זיץ — אַ מאָדנער שומר ביַי דעם טויער —
און וואַרט אויף איין און איינציק וואָרט —
געליבטער.

אַ ליבע־רעגן



רבונו של עולם,
איך,
מיכאל בן נתן,
דער גליקלעכסטער מענטש
אויפן זיבעטן הימל
פֿאַרשטיי נישט פֿאַר וואָס
עס רינען מיר טרערן
ווען זי גיט אַ זאָג
אין אַ שפּאַלט פֿונעם טרויעריקן עכאָ —
איך ...
האָב דיך ליב?!..

אַ ליבע־רעגן

ווען דו ביסט אַרײַן אין מײַן צימער
האָב איך תּיכף פֿאַרשטאַנען
אַז פֿון הײַנט אָן און ווײַטער
כ'וועל מוזן זיך לערנען
אַוועקגיין
בײַ אונדזער געפּגרטער קאַץ, —
שאַ־שטיל,
אָן אַ רעש,
אָן טרערן.
אָן דיר,
מײַן געליבטע!...

איך בין פֿאַרמשפּט צו אַ לעבנסלאַנגער ליבע,
צו זיבן גליקן,
צו אַלע זיבן גליקן.

איך בין פֿאַרמשפּט און צעזייט איבער די וועלטן
איך זאָל מײַן גליק, חלילה, ניט פֿאַרשעלטן.

פֿון דײַנע ברייט צעשפּרייטע נאַסע פֿליגל
צוזאַמען מיט די קאַלטע טראָפּנס רעגן
עס רינט אַראָפּ ווי אין אַ ציטערדיקן פֿיבער:
„איך בין פֿאַרמשפּט צו אַ לעבנסלאַנגער ליבע״.

כ״א טבת תשנ״ד

אָצעם־קלאָצעם. איז געבליבן
שטיין מײַן זייגער, — אָפּגעקווועלט...
ניט אײַך — שׂינאה, ניט אײַך — ליבע...
ווו זשע בין איך אין דער וועלט?

וואָס מיר זייגער? ווער מיר זייגער?
ס׳איז דאָך סתּם אַ שטיקל אײַזן.
דײַנע ליפּן, דײַנע פינגער
זײַנען מיר אָנשטאָט די ווײַזערס.

האָסטו מיך ביז צו די דנאָען
אויסגעליבט. ווי קאַרג און קליין
אי״ז די נאַכט. עס שטייט מײַן זייגער.
אָבער ווער הערט זײַן געוויין?...

שבט תשנ״ג

חודש אדר. גלײַך נאָך פּורים

דו װילסט אַנטלױפֿן אין אַ רעגן פֿון מײַן ליבע...
ניט דאָ און ניט פֿאַר אונדז געדאַכט.
איבער דײַן שױס האָט קײַקלעכן שירעם
צעעפֿנט די פֿאַרחלשט־בלאַסע נאַכט.

און פֿרעג נישט, מײַן געליבטע, אױף די סיבות,
װײַל סײַ װי סײַ, כ'װעל ברענגען מײַנע ליבעס
(אַפֿילו די װאָס װעלן קומען שפּעטער)
אױף אַ בית־עולם פֿון פֿאַרװעלקטע בלעטער.

אונטער די שטעכװערטלעך פֿון די פֿאַרשטעלטע שדים
װעסטו, מײַן אוצר, נישט קענען אונטערשײדן
מײַן שטײן אונטער אַ באַרג פֿאַרװעלקטע בלעטער
און די מצבֿות פֿון, להבדיל, פֿאַלשע געטער.

כ' אדר תשנ״ד



אינהאַלט

אינהאַלט:

נאַטיורמאָרטן און וואַגאַבונדן 5

רעד צו מיר 6
ווינטער 7
רויטע לבנה 8
און ווידער אַ מאָל 9
אַ בענקל 10
נאַכט 11
טאָג און נאַכט 12

אין אַ ווייַנגאָרטן 13

שלמה האָט פאַרגעסן 14
מייַן קיסר און מייַן האַר 15
וואָס זאָל עס זייַן? 16
שלעפּ מיך אַרויס 17
אַ מערעזשקע נאָך אַ מערעזשקע 18
דער אייבערשטער 19
די זון צעשפּאַלט די וואַסערן 20

אַ ליבע־רעגן 21

דער חודש שבט 22
בײַם כותל מערבי פֿון דײַן ליבע 23
רבונו של עולם 24
ווען דו ביסט אַרײַן אין מײַן צימער 25
איך בין פֿאַרמשפּט 26
אָצעם־קלאָצעם 27
חודש אדר. גלײַך נאָך פּורים 28

דאָס בוך " אַ ליבע-רעגן" איז געדרוקט

אין

הונדערט און פופציק נומערירטע עקזעמפּלאַרן.

נומער: 29